STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03976

# MAN UN VAYB

Mordecai Spector

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ספּעקטאר.

# מאן און ווייב

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-87 Canal St., New York.
1909

# מאנן אונ ווייב

## ערצעהלונג

### I.

### „יא“ אדער „ניין“

נאך מיטאג, ווי שטענדיג, האט יונה גלאזמאנן בעדארפט זיך איילען אין פאלאמאנן בערגפעלדס קאנטאר, וואו ער האט פארנומען א שטעללע שוין עטליכע יאהר אלס קארעספאנדענט. ער האט זיך שוין אויפגעהויבען פון טיש, דאס יונגסטע קינד האט זיך געצויגען צו איהם מיט די הענדטליך אונ זיינע דריי עלטערע קינדערלעך האבען זיך אנגעטשעפעט אין זיין פאלע אונ געזאגט:

— טאטע, דו ועסט אונז עפעס ברייגען פאר נאכט ווען דו וועסט קומען א היים, די האסט זיך אונז אליין אזוי צוגעזאגט אז מיר וועלען זיצען שטיל. גער האסט דו אויך געזאגט...

— נא, נא, פיהרט זיך נאר אויף ווי שטילע קינדער, דערקוטשעט ניט ... וועל א... אייך ברייגען — האט יונה זיי געענטפערט ציהענדיג דעם פ... א אויף די אקסלען אונ דערוויל געקוקט אויף זיין פרוי מיט אזוינע אויגען אז זי ... פארשטאנען אז מיט זיין יעצטיג קוקען פרעגט ער זי א בעקאנטע פראגע. איהרע ווייסע באקען זענען רויטלעך געווארען, איהרע שווארצע אויגען האבען אנגעהויבען גלאנצען, זי האט איהר מאנן אנגענומען ביי דער האנד, צוגעפיהרט אין א ווינקעל גלייך ווי זי ווילל איהם א סוד זאגען, אזא סוד וואס ער יערווארטעט פון טאג אויף טאג אונ ווי וואלט ער געוואלט אז זיין ווייב זאל איהם מיט א פרעהליך געזיכט זאגען „ניין“, נאר אין איהר יעצט פארשעמט געזיכט האט איהם זיין הארץ געזאגט אויף „יא“ אונ שרעקענדיג מיט א קלאפענדיג הארץ האט ער זיין פרוי אויף גיך געפרעגט אין דער שטיל:

— מירעלע! נא זאג שוין... ווייטער „יא“... אדער אפשר „ניין“?...

פארשעמט ווי א יונגע פרייליין וואס בעקומט דעם ערשטען קוש אין איהר לעבען פון איהר חיים געליעבטען אונ מיט אראבגעלאזטע אויגען, האט מירל ארומגענומען איהר מאנן, א הייסען לאנגען קוש איהם געגעבען אונ שטיל שרעקענדיג געענטפערט

— דאכט זיך „יא“...

— „יא“ זאגסט דו?... האט ער געפרעגט אונ איז בלאס געווארען.

יונה האט גענומען זיין שטעקיל אונ זיך אנגעהויבען איילען אין קאנטאר אריין.

— נא נא, זיי ניט אזוי טרויעריג, יונה, גאטט וועט העלפען — האט זי זיך ביי איהם געבעטען ווי א פארשולדיגטע אונ זיין גאנץ געזיכט אבגעשיט מיט הייסע קושען, אונ יונה איז איילענדיג אוועקגעגאנגען.

— קום היינט פריהער א היים, יונה, איך בעט דיך! האט זי איהם פון יענער זייט טהיר נאך געשריען אונ געבעטען.

## II.

## די גליקליכע צייט.

— צו וואס האב איך איהם בעדארפט אזוי גיך זאגען? האט מירל זיך אנגעהויבען עסען דאס הארץ אונ עס האט איהר אנגעהויבען שטארק באנג טהון, צו וואס האט זי איהם אויסגעזאגט אזוי גיך, — אויף דער נאכט וואלט איך אנגעווארען דאס טייערע נייעס איהם צו זאגען? איך קען עס מיר ניט שענקען צו וואס האב איך איהם נאך בעדארפט זאגען איצטער באלד נאך מיטטאג, ווען ער איילט זיך אזוי אונ דארף אוועקגעהען? פאר וואס האב איך ניט געווארט ביז אויף דער נאכט ווען ער קומט שוין אין גאנצען א היים אונ געהט שוין ניט אין ערגיין? ווער ווייסט ווי ער מוטשעט זיך געוויס איצטער, ווען ער זאל זיין אין דער היים וואלט איך איהם געטרייסט ווי תמיד... ניט אומזיסט זאגט מען „אז ווייבער זענען טאקי ווייבער“ — זיך ניט געקענט איינהאלטען, קיין קאטאוועס ניט, אזא טייערע נייעס! נאך פאר דעם עסען איהם געוואלט דערצעהלען! איך האב זיך קוים איינגעהאלטען ביז נאך דעם עסען, גוט האטש דאס, וואס דער מיטטאג איז איהם בעקוממען.

שפעטער מיט א שעה ווען מירל האט אבגערוימט פון טיש, איינגעשטילט איהר קלענסטע זויגענדיג קינד, אויסגעשטאנען אללע קאפריזען פון דעם קינדס אם אונ אוועקגעשיקט אביסעל שפאצירען אין גאס, דער טוממעל אין שטוב זאל אביסעל קלענער ווערען, איינגעשטילט איהרע עלטערע דריי קינדערלעך, זיי צוגעזאגט גילדענע בארג אונ אז דער טאטע וועט בריינגען א סך גוטע זאכען אבי זיי זאלען זיך שפיעלען שטיל אונ ניט שטערען זייער מאמען אין איהר ארבייט, נאך דעם אללעמען האט זי זיך ווייטער דערמאנט אן איהר יונה׳ן.

— וואס מאכט ער געוויס איצטער? ער קער זיך געוויס מוטשען... ער איז דען ניט גערעכט? עס איז דען ניט א גאטטס רחמנות אויף איהם, ערשט זעקס יאהר, ביז הונדערט אונ צוואנציג יאהר נאך דער חתונה אונ שוין מיט דעם פינפטען קינד!... אונ די פארדיענסטען ווערען ניט גראסער, אלץ די אייגענע פופציג רובעל א חודש אונ הארעוועט געוויס אזוי שווער ביטטער. ער ווייסט ניט פון קיין רוהע, אבי

מעהר א רוגל, אלץ פאר די קינדערלעך זאלען לעבען. זיי דארפען קיין עין הרע געזונג האבען, עס געהט ניט אוועק דער טאג מען זאל קיין עין הרע ניט דארפען, איך רעד שוין ניט פון דער הוצאה אין שטוב, נאר זייטיגע זאכען, דא שיכלעך, שטיוועלעך, קליידלעך, אונ דא א דאקטאר, א רעצעפט, נאר א ריהר טהון זיך ווערט שוין א תל פון א צעהן-רובילדיג. גוט ווען זיי זענען דא, אבער ווען זיי זענען ניט דא? היינט נאללע מאהל א אם — אוי די אמען, פון זיי איז גאר ניט אויס צושטעהן, זיי קאסטען אב א אוצר מיט געלד, דאס בעסטע פון כוויל מוז מען דער אם אוועקגעבען, איהר באצאהלען פריהער דאס געלד אונ דערנאך שטעה אויס אללע איהרע קאפריזען, ווען ניט אנטלויפט זי, געה יאג זיך נאך א ווינט אין פעלד: עס איז דען אייסצושטעהן פון אלליעס? אין אמת האט מיין יונה טאקי א פנים פון א יורען פון עטליכע פערציג יאהר, ער האט שוין א סך גרויע האר אין קאפף אונ אין דעם בארד איז שוין אייך דא גרויע האר אונ אין גאנצען איז ער אלט אכט אונ צוואנציג יאהר, עס איז זיך נאך דא אזויגע בחורים ווי ער. אין אמת וואו איז נעבעך אהין געקוממען זיין שאנקייט, זיינע פוללע ראזע באקען, זיינע גאלדענע בלאנדע האר, זיין געזונדקייט, זיין לעבעדיגקייט אונ פרעהליכקייט? ער איז זיך געווען דער שאנסטער אין דער גאנצער שטאדט, די שאנסטע מיידלעך האבען מיך מקנא געווען. אין דער אמתן ווער איז גלייך דאנן געווען צו מיר? ווי גליקליך האב איך זיך געפיהלט, ווי ליעב אונ טייער איז ער מיר געווען! שפיעלען זיך מיט זיינע האר אונ קוקען אין זיינע בלויע סאמעטענע אייגען, איז זיך פאר מיר קיין גראסער גליק ניט געווען אויף דער וועלט. דאכט זיך ווען ער זאל ניט געווען וועלען פאר מיר דאנן אהתן ווערען וואלט איך שוין געווים לאנג געשטארבען, אונ איצטער וואו? וואו איז דער אמאהליגער יונה? — ניט דא, נאר הויט אונ ביינער, די באקען איינגעשרימפען, נאר זיינע זיסע בלויע אויגען בלישטשען אזוי שאן אזוי גוט ווי פריהער. ער איז דען ניט גערעכט? ווער איז אין דעם אללעמען שולדיג אז ניט די קינדערלעך זאלען לעבען? כמעט אללע יאהר א קינד, פון די אמען אליין קען מען גרוי אונ אלט ווערען. נאר וואס בין איך שולדיג, דאס ערשטע קינד האב איך געזויגען, האטש דער דאקטאר האט געזאגט אז איך טאר ניט, איך האב איהם ניט געהערט. מיינע קינדער האב איך געוואלט אליין זויגען אונ ביים צווייטען האט יונה גאר ביי מיר ניט געפרעגט אונ געבראכט א אם, יונה לאזט מיך ניט זויגען, מסתמא האט איהם דער דאקטאר גוט אנגעזאגט אז איך טאר ניט.

אונ אין נאך פיעל זאכען האט זיך מירל דערמאנט היינטיגען טאג ווי אזוי זי האט זיך באקענט מיט יונה'ן, ער איז נאך דאנן געווען א יונגעל פון אכטצעהן אונ זי איז — א מיידעל פון זעכצעהן יאהר, פון זייער ערשטע בעקאנטשאפט זענען זייערע הערצער איינס צום אנדערען צוגעבאקען געווארען, יעדעס מאהל זעהען זיך איז ביי זיי געווען א גליק — דאס גאנצע לעבען. שפעטער מיט א קלייגער צייט איז ביי זיי געווארען איין געדאנק ווערען „חתן כלה“, ער האט נאך דעגסטמאהל

געדיענט אין א קאנטאר און האט שוין פארדיענט צוואנציג רובל א חודש; אין די יארען א יודישער בחור וואס האט עלטערען זאל נאך פארדיענען, איז צווישען יודען זעהר ווינציג. מירל'ס עלטערען האבען דאס געוואוסט ווי צו שעצען, זיי האבען צוגעזאגט מירלען אכט הונדערט רובל נדן, פיער הונדערט האבען זיי באלד געציילט און מירל מיט יונה'ן זענען למזל חתן כלה געווען. ווען זיי האבען חתונה געהאט האבען זיך גאטט און לייט געפרייעט מיט דעם שאנעם, געזונטען, גלייכען פאר־פאלק.

יונה'ס פרינציפאל האט איהם גלייך געהעכערט די זשאלאוואניע אויף פופצעהן רובל, נדן האבען זיי געהאט עטליכע הונדערט רובל. זייערע עלטערען האבען אויף זייערע הוצאות אויסגעמעבליערט פאר דעם נייעם פאר־פאלק צוויי שאנע צימערלעך מיט א קליינער קיך און אללעס וואס א יונגע בעל־בית'טע דארף האבען אין קיך, פון א הילצערנעם לעפיל ביז געפעס, פון א קאמשערע ביז א פעסעל, קיין זאך האט ב"ה ניט געפעהלט, אללעס האבען זיי געהאט, נייע קליידער, ניי מעבעל, א נייעם סאמאוואר, א ביסל זילבער פון דרשה געשאנק איז אויך געווען, פון יונה'ס זשאלאוואניע איז געווען איבערגענוג אויף צו לעבען, און דער נדן האט געוואקסען פון פראצענט. עס איז געווען א פערגעניגען זעהען דאס יונגע פאר פאלק שפאציערענדיג אללע פארנאכט אין גאס און ווער שמועסט נאך זיי אנקוקען אלס יונגע בעלי בתים־לעך אין זעהר ריין שאן וואהנונג: דאס ריינקייט און וויבערקייט האט געשמעקט פון נעדען ווינקעל. ווער עס איז גאר צו זיי געקוממען האט מירל ליעב געהאט ווייזען איהר בעלי בתישקייט, אפילו צו זיך אין קיך אריין געפיהרט, ווייל דארט אין קיך אפילו, איז געווען א פערגעניגען צו קוקען, ווי פון נייע פאליצעס האט ארונטערגע־בלישטשעט און געשפיגעלט קופערנע פאנדלעך, בעקעלעך, אויסגעוואשענע טרוקענע טעפ, אומעטום איז נעווען ווייס אבגעשמירט, כאטש נאלד צו לעגען, אפילו דער פריפיטשאק און די קיך־סטשירקעס זענען שטענדיג געווען ריין און אויסגעוואשען.

היינט וואס פאר א טייער לעבען האבען זיי געפיהרט! אלע טאג פינקטליך זייגער אכט זענען זיי אויפגעשטאנען לעבעדיג, שמייכלענדיג, דער סאמאוואר האט שוין געזאטען און געפינקעלט פון טיש, מירל האט אנגענאסען טהע, געקוקט יונה'ן גלייך אין די אויגען, אין מויל אריין, געזעהען ווי ער טרינקט, דערנאך האט זיך יונה אנגעטהון ריין זויבער ווי א טאק — ווי א פאלנע פראנט, אז מירל פלעגט זיך זאטט ניט קענען אנקוקען אין איהם. פונקט פינף פלעגט ער קוממען פון קאנטאר, דער טיש איז שוין געווען געגרייט, דער ווייסער טישטעך און אללעס וואס איז געשטאנען אויף דעם טיש האט געבליסקעוועט פון ריינקייט און ציכטיגקייט, דאס עסען פלעגט שטענדיג זיין געראטען און עס האט געשמעקט.

אללע טאג פלעגט מירל אויסטראכטען צו מיטאג נייע פאטראוועס; שטענדיג איז ביי איהר אויסגעקוממען דריי פארציעס און א מאהל נאך א פיערטע.

זיין מאהל אין די ערשטע טאג ווען זיי זענען נאר וואס בעלי בתים געווארען האט יונה באמערקט:

— מירעלע, דאכט זיך אז צו רייכע מיטטאגס גיסט דו מיר. דו ווייסט זיך קיין שוועסטער האבען מיר ניט, מיר דארפען זיך לעבען אזוי עקאנאמיש ווי אונזערע עלטערען.

— וויפיעל מיינסט די, יונה, קאסט אונזער רייכער מיטטאג? האט מירל געענטפערט מיט א געלעכטערל.

— איך ווייס? דריי פארציעס אונ נאך אמאהל א פיערטע אויך, קאסט אודאי פאר צוויי מענשען מעהר ווי א רובל, אין א רעסטאראן פאר אזא מיטטאג צאהלט מען אודאי צוויי רובל.

— צוויי רובל!? הא הא! נא אונ וויפיעל רעכענסטו דארף אונז קאסטען יעדען טאג א מיטטאג נאך אונזער שטאנד נאך אז מען זאל פארשפארען ווי דו זאגסט.

— איך רעכען אז אונזער מיטטאג דארף קאסטען פופציג קאפיקעס, נא ניט מעהר ווי פופציג קאפיקעס.

— אויב אזוי, מיין מאנן — האט זיך מירל העבער צולאכט — צאהל זשע מיר צו נאך צוואנציג אדער פינף אונ צוואנציג קאפיקעס, ווארום אט דער רייכער מיטטאג פאר וועלכען דו שרעקסט זיך אז מיר וועלען מוזען אנזעטצען קאסט פינף אונ דרייסיג קאפיקעס אונ העכסטען פערציג קאפיקעס. פארגעס ניט אז אונזער דיענסט-מיידעל עסט אויך. נא דערצאהל נאך פינף אונ צוואנציג קאפיקעס, די האסט געזאגט איז פארפאלען — האט מירל ניט אויפגעהערט צו לאכען.

— אזא מיטטאג פאר דריי מענשען קאסט דיך מעהר ניט ווי פערציג קאפיקעס? ווי אזוי קענען דאס זיין? עס איז פראסט צום בעוואונדערען זיך!

— ביי מיר קען יא זיין, אט בארעכען אין מיסטען, איך גנב'ע ביי קיינעם ניט איך זאל אללע טאג דערלעגען צום מיטטאג.

מיט א בעזונדער פערגעניגען פלעגט מירל אויסרעכנען פאר איהר מאנן יעדעס ביטצעלע וואס זי האט איינגעקויפט צום מיטטאג, איהם צו דערוויזען וואס פאר א בריה א בעל בית'טע זי איז, אפילו ציבעלעס מיט קארטאפליעס האט זי ניט פארגעסען צו רעכענען, אונ יונה חאטשע ער האט געקענט גוט רעכענען נאר אין דעם חשבון פלעגט ער האבען א טעות.

— ניין עס איז ניט ריכטיג, נעהם א קאראנדאש מיט פאפיער.

אונ מיט דעם גרעסטען פערגעניגען פלעגט ער נאך מירעלס דיקטאווקע שרייבען די ציפערעס, אונ עס איז ווירקליך מעהר ניט אויסגעקומען ווי פינף אונ דרייסיג אדער אין העכסטען פערציג קאפיקעס.

יונה פלעגט זיך ניט אויפהערען צו וואונדערען אונ מירל פלעגט מיט שטאלץ אונ מיט א בעזונדער פערגעניגען צוזעהן ווי ער וואונדערט זיך, וואס פאר א טייערע בעל בית'טע זי איז.

— עס איז פארט ניט צו פארשטעהן, ערקלעהר מיר מיין מיידעל — האט זיך יונה אנגערופען — אט ביי מיין טאטען געהן איצט צום טיש אויך מעהר ניט ווי דריי מענשען און זיי קאסט א מיטאג ניט ווייניגער ווי זעכציג קאפיקעס און וואס עסט מען דארט? — איין פונט פלייש פאר אללע און ווייטער די שטענדיגע גרויפענע קאשע אדער דעם אלט בעקאנטען בארשט אדער די בעוואוסטע יודישע קאשע מיט יוך, און דו מאכסט פאר ווייניגער געלד א מיטאג פון דריי פארציעס אז א גראף מעג איהם עססען.

— גלויב מיר, יונה, אז קיין נסים איז ביי מיר ניט דא. דאס אייגענע פונטעל פלייש, דאס אייגענע פונט פיש, דאס אייגענע ביסעל קארטאפליעס קויף איך אויך. נאר מען דארף וויסען און קענען ווי דעם מיטטאג צו מאכען, האט זיך מירל מיט שטאלץ בערירהמט פאר איהר מאנן.

און יונה האט זיך געשאטצט גליקליך איבער גליקליך וואס גאט האט איהם באשערט אזא בריה א פרוי, אזא טייערע בעל ביתטע וואס איז נאך אזוי יונג און ווייסט שוין ווי צו זיין א פראקטישע בעל ביתטע

## III.

## ציטען בייטען זיך

מירל האט געהאט דאס ערשטע קינד, די הוצאה איז נאטירליך גרעסער געווארען, דא איז דאס קינד ניט געזונד געווארען, דא מירל אליין, יעדעס מאהל האט געקאסט געלד און נאך אנדערע ניט ערווארטענדיגע הוצאות זענען צוגעקומען ווען עס קומט צו א קינד אין שטוב. דער קאפיטאל האט שוין ניט געוואקסען, פארקעהרט עס האט זיך אנגעהויבען א קליינינגקייט צו פעהלען, נאר וויפיעל פערגעניגען האט דאס יונגע פאר-פאלג געהאט פון זייער קינד! עס איז דען איבער צו געבען? גאנץ פריה ווען זיי האבען זיך אויפגעהאפט פון שלאף, די זונן האט שוין אריין געשיינט דורך די שפאלטען פון די לאדען, האבען זיי דערזעהן ווי דאס פיטצעלע האלט שוין אפפען די אויגעלעך. טשעפעשעט און פיפטשעט מיט דעם מיילכעל ווי א פייגעלע, ער שמייכעלט צו דער זונן, און אויף דעם רעכטען באקעלע שפיעלט א קליין פיטצעלע גריבעלע. א! ווער איז געווען דאנן גליך צו די יונגע עלטערען! היינט אז דאס קינד איז עלטער געווארען אויף עטליכע חדשים, עס האט שוין אנגעהויבען ציהען מיט די האנטעלעך, פארטשעפען זיך אין טאטענס בארד, בעלעבעטשען מיט דעם מיילכעל „מאמא" „טאטא", ווער איז אין שטאנד זייער גליק איבערגעבען?

יונה מיט מירל'ן האבען געזעהן אז דעם אמת'ן גליק האבען זיי ערשט [illegible]

צו פיהלען זינט דאס קינד איז געבוירען געווארען, פון דעסטוועגען האבען זיי זיך בארעכענט אז נאך זייערע פארדיענסטען נאך טארען זיי דערווייל מעהר ווי איין קינד ניט האבען, שפעטער מיט א יאהר פיער ווען גאט וועט העלפען, מען וועט מעהר פארדיענען, אונ מירל וועט זיך אברוהען, פאפראווען אין געזונד, וועלען זיי האבען ווייטער א קינד — א יונגעלע, שפעטער מיט א יאהר דריי נאך א טאכטער. זיי האבען אויסגערעכענט אז מעהר ווי צוויי זיהן מיט איין טאכטער טארען זיי אונ דארפען מעהר ניט האבען, אונ באמת ווי מעגען זיי זיך ערלויבען מעהר קינדער צו האבען? זיי זענען דאך ניט קיין גבירים וואס מעגען זיך ערלויבען קינדער א סך, ער איז זיך מעהר ניט ווי א מענש ביי יענעם אונ קינדער דארפען אזוי פיעל קיין עין הרע קאסטען, מען דארף זיי ערציהען, מאכען פאר מענשען, ארויספיהרען שאן א. ד. ג.

— ווען מיינע קינדער זאלען ניט קענען חס ושלום ארויסגעהן אין גאס שאן ווי אלע אנדערע קינדער פון לייטישע עלטערען, וועל איך עס גאר ניט איבערלעבען, פלעגט יונה זאגען.

מירל פלעגט אויך דערמיט שטימען אז איהר קינד מוז ארויסגעהן אין גאס ווי א גראפסקי קינד.

— דרום טאקי, האט יונה געגעבען זיין ווייב מירל'ן צו פארשטעהן, דארפען מיר זיך סטאראען אז מיר זאלען מעהר ווי דריי קינדער ניט האבען, ניט אנשיטען קינדער אהן א שום חשבון ווי אונזערע טאטעס, מען מעג יא האבען צו די קינדער אדער ניט איז ניט זייער גישעפט, אזוי קענען נאר לעבען ענגאיסטען וואס ווילען גאר ניט טראכטען וועגען קינדערס תכלית, אונ הערען ניט אויף צו שיטען מיט קינדער, אי ווי אזוי די קינדער וועלען אויסוואקסען? דאס ארט זייא ניט. וויא איז זיי ניט סאוועסטנע, ווי האבען זיי קיין רחמנות אויף די אומגליקליכע קינדער? מיט וואס פאר א רעכט בעשאפען זיי די אומגליקליכע ווען זיי זענען ניט אין שטאנד ערציהען קינדער ווי עס דארף צו זיין אונ מאכען זיי פאר מענשען? אז מען קען ניט דארף מען ניט. „מען דארף שטרעקין נאך די עקין" אונ ווידער ווי האבען אזוינע מאנען ראזבוינקעס קיין רחמנות ניט אויף זייערע ווייבער, זייער גאנץ לעבען קינדלען אונ זויגען! אין אמת קריינקען געבעך אזוי יודישע ווייבער, יעדע יודיש ווייבעל פון דרייסיג יאהר האט שוין א פנים ווי פופציג — שוין א אלטע יודענע. אין אמת געפינען זיך צווישען יודען פוסטע אונערצויגענע קינדער וואס טויגען ניט אונ זענען ניט פיהיג צו קיין שום זאך, וויל מען האט זיי ניט ערצויגען ווי עס דארף צו זיין, ד. ה. ניט געמאכט פאר קיין מענשען, דרום אז זיי וואקסען אויס אונ דארפען שוין אליין זוכען א מיטטעל צום לעבען, ווייסען זיי געבעך ניט צו וואס זיך צו נעמען. וואס זאלען זיי געבעך טהון אז מען האט זיי קיין שום זאך ניט אויסגעלערענט אונ זענען צו קיין שום זאך ניט פיהיג? ווער איז שולדיג אין דעם אלעמען אז ניט אונזערע יודעלעך אליין וואס האבען קינדער אהן שום חשבון אונ ווי קענען זיי נאר פון קינדער מאכען מענשען, ערציהען זיי ווי

עס דארף צו זיין, אפילו זיי זאלען שוין דאס וועלען, אז ווען אין אזא ערעמקייט ערלויבט מען זיך זעקס און אכט קינדער צו האבען? ניין מירלע, נאך אונזערע פערדיענסטען, נאך אונזער שטאנד טארען מיר מעהר ניט האבען ווי צוויי זיהן און איין טאכטער מעהר ניט, גענוג, אז דאס פון איין קינד צום אנדערען דארפסט דו זיך אברוהען האטש פיער יאהר. אמת אונזער קינד איז שאן און געזונד, אבער ביי וועמען האט דאס קינד צוגענומען דאס געזונד אז ניט ביי דיר? קוק זיך איצטער אן ווערסט דו שוין זעהן וואס פאר א אונטערשיעד פון פאר א יאהרען ביז היינט! דוא מוזט זיך אברוהען, מירעלע.

אזוי האט יונה אפט גערעדט מיט זיין פרוי, און פארשטעהט זיך וועגען דער פראגע פון קינדער-האבען און וויפיעל קינדער, צו יונגלעך אדער מיידלעך, און וועלכע צייט צו האבען קינדער איז מירעלע אין גאנצען בעשטאנען מיט איהר טייערען ליעבען ערענטליך קלוגען געטרייען מאנן און עס איז צווישען זיי פעסט געבליבען אז זי דארף זיך פון יעצט אברוהען פיער יאהר און דערנאך האבען א יונגעלע און עט שפעטער שוין כמעט אויף דער עלטער האבען א טאכטערל.

* *

*

זעהר זעלטען אז עס זאל זיך ענדיגען אזוי ווי דער מענש טראכט, ווי זאגט מען: „א מענש טראכט און גאט לאכט" — עס איז ניט אוועקגעגאנגען א חודש זינט מירל האט אנטוויינט איהר ערשט קינד איז זי טרייטער, אין א גוטער שעה, פארגאנגען מיט דעם צווייטען קינד, און שטעלט אייך פאר, אז יונה מיט מירלען האבען זיך ניט נאר דערפאר ניט דערשראקען נאר פארקעהרט זייא האבען זיך מיט דעם נייעס ווי דערפרייעט, ווי עפעס א נייע גליק האט זיי גאט געשיקט. זיי האבען זיך צוקושט און ביידע געזאגט:

— צוויי קינדער מוז מען האבען, איינס איז קיינס, איין גלאז איז ניט גוט צו האבען אין שטוב.

און זיי האבען זיך דערמאנט, ווען ניט היינטגעדאכט זייער קינד איז ניט געוועזען געזונד האבען זיי זיך אזוי דערשראקען, עס איז זיי שיעור די נשמה ניט ארויס פאר שרעק, פאר דעם הונדערסטען פאלל חס ושלום. „לאז זיין צוויי" האבען דאס יונגע מאנן און ווייב געזאגט, געוואונשען עס זאלען זיין מיט געזונד, מיט פיעל גליק און מיט אסך יאהרען.

---

מירל האט מיט מזל געהאט א טאכטער, אללע האבען געזאגט אז דאס וועט אויסוואקסען א קראסאוויצע, ניט אומזיסט האט זי געבעך געהאט אזא שווער „טראגען" און „האבען". דער דאקטאר האט עטליכע מאהל יונה'ן געזאגט אויף דעם אויער אז זיין ווייב טאר ניט זויגען, ער האט געבעך געהאט גענוג צרות און גענוג געלד איז אוועק געגאנגען [illegible] א אם, ווארום דער דאקטאר האט געזאגט

אז וואס די אם וועט זיין געזונדטער וועט דאס קינד זיין געזונדטער. אין א צייט פון דריי חדשים האט מען דריי אמען געביטען, דאס קינד איז שוין געבעך געווארען קראנק פון דעם ביטען. איין אם האט מען געגעבען פאראוים געלד דרייסיג רובל און מען האט זי געמוזט אבזאגען, ווייל דער דאקטאר האט געזאגט אז זי איז ניט אזא געזונדטע; די צווייטע וואס מען האט אבגעזאגט ווייל דער דאקטאר האט געזאגט אז זי האט ווינציג צו זויגען, האט אויך געקאסט גענוג געלד; ביי דער דריטטער האט מען זיך געמוזט האלטען חאטש פון איהרע קאפריזען איז ניט געווען אויס צו שטעהן, יונה אליין האט בעדארפט זיין איהר משרת, דערלאנגען איהר באנאכט די געבריהטע מילך מיט דער גראבער פעטטער הויט, דאס בעסטע עסען האט מען דער אם אוועקגעגעבען און טאמער איז איהר ניט געפעלען פלעגט זי דאס גאנצע עסען שטיטצען און ווארפען; דא האט זיך איהר פארגלוסט וויין טרינקען, וואס איז? ווען זי איז פאר דריי יאהרען געווען א אם האט זי גאר קיין וואסער ניט געטרונקען נאר טיין אדער ביער. יונה האט איהר דאס אויך צוגעשטעלט, חאטש ער איז ניט געווען אין שטאנד, מען האט אבער געמוזט ליידען אלע איהרע קאפריזען פון רחמנות צום קינד — געה בייט ווייטער אויף א נייע אם! ערשטענס ווער ווייסט צו דאס קינד וועט דאס איבערלעבען, עס איז שוין אזוי געוואהנט צו איהר, און אין צווייטענס ווער ווייסט צו די נייע אם וועט זיין א בעסערע? דערצו דארף מען נייע געלד פאר איהר אויסצאהלען, עס איז פאר יונה'ן אזוי אויך גענוג שווער, איבער די קראנקען. מען האט ווייטער נאך מעהר געליטען פון דער דריטטער אם'ס קאפריזען.

פון זייערע עטליכע הונדערט רובל נדן האט אלע מאל אנגעהויבען ווינציגער ווערען און דא האט זיך נאך געמאכט אזוי, אז באלד נאך דער קינדבעט האט זיך ביי מירל'ן א ברוסט צוגעלעגט און דאס האט אויף גיך געקאסט א גאנצען הונדערטער מיט א סך שרעקענעש.

קיין סך הונדערטער האט יונה ניט פארמאגט.

און דאס ווייסט יעדער אז „קאפיטאל" האט אין זיך אזא מין טבע, באלד ווי מען הויבט נאר אן אראב צונעמען מעג מען זיך שוין דערמיט געזעגענען.

יונה מיט מירל'ען האבען צווישען זיך פעסט אבגערעדט אז מען זאל נאר דערלעבען געזונדטערהייד דאס קינד אנטווינען, בעפרייען זיך פון דער וויסטער אם די שלאנג, וועט די הוצאה ווערען אביסעל קלענער. קינדער וועלען זיי, פארשטעהט זיך, שוין מעהר ניט האבען, גענוג איבערגענוג, זיי וועלען שוין פארזאגען דעם צעהנטען! — דאן, האט יונה געדרונגען זיין ווייב, אז מיר וועלען זיך בעפרייען פון דער אם די שלאנג, די קינדערליך וועלען שוין אויך זיין עלטער, דאן וועלען מיר אנהויבען ערשט וויסען פון א רוהיג לעבען, מען וועט קענען אויך אנהויבען פארשפארען, וואדום קיין קאפיטאל איז שוין כמעט ניט דא, איצטער איז ניט מעגליך צו פארשפארען און קלויבען א גראשען, אבער שפעטער...

ווען דאס צווייטע קינד איז געבוירען געווארען און מען האט אבגענומען

די אם אין שטוב, האט זיך ביים יונגען פאר-פאלג דאס גאנצע לעבען אין אלע אופנים איבער געביטען, די אמאהליגע ריינע צווייי ציממערלעך מיט דער שאנער אויסגעפוצטער קיך זיינען גאר ניט צו דערקענען, אגאנצע איבערקערעניש! אין קיך איז שוין ניט אזוי ווי פריהער. אין שטוב דערסטגלייבען, ניט אללעס וואס מען שטעלט אנידער שטעהט אויף א ארט, עס דארף זיך ליינט מען אנידער, מען דארף מען שוין זוכען איידער מען געפינט, פון דעם פונט פלייש וואס מען נעמט צו מיטטאג ווערט שוין ניט קיין דריי געריכטען נאר א בארשט אדער א קאשע מיט יוך. יונה'ס קליינע ביבליאטהעקע מיט שאנע בינדען וואס ער האט אנגעקויפט נאך בחור-ווייז און דאס ערשטע יאהר נאך דער חתונה, וואס זענען שטענדיג געשטאנען אין בעסטער ארדענונג אין א געפאליטורטע שווארצע עטאזשערקע, זענען איצטער צוווארפען, א סך ביכער זענען צוריסען, אלע קליינגקייטען פון דעם שרייב-טיש זענען צוווארפען איבער דער גאנצער שטוב. דאס שטעהענדיגע שפיגעלע פון ספאלניע איז אהאלבע גלאז צושפאלטען און מיט שטויב באדעקט. דער נייער געפאליטורטער טיש וואס פלעגט יעדען טאג ארומגעווישט ווערען ריין ווי גאלד האט אין זיך א גרויסען פלעק פון טינט און אנדערע קאלערען.

אפט ווען יונה קומט צו מיטטאג איז נאך אין שטוב ניט אויפגעראמט, אפילו די בעטען ניט אין גאנצען פארבעט און דער בעזים שטעהט אין מיטטען שטוב און ער דארף נאך ווארטען א גוטע שעה איידער דער מיטטאג ווערט פארטיג. ער זעהט ווי מירל איז שטארק פארפארעט, גרייט ער אליין דערוויל צום טיש, אנוויישער טישטוך צו א קויטיגער, אלץ איינס אבי געגרייט צום טיש. ביז דער מיטטאג ווערט פארטיג פארשטאפט ער דערוויל די קישקע מיט טרוקען ברויט און ווען מען דערלאנגט צום טיש דאס שטיקעל פלייש מיט דער קאשע מיט יוך איז שוין ניט דא דער פריהעריגער אפעטיט און היינט וואס פאר א טעם האט דאס עסען אין גאנצען? דאס איז הארט און יענץ איז רוי, געלד קאסט אזוי פיעל, די הוצאה איז קיין עין הרע אזוי גרויס און אפילו פון מיטטאג האט מען קיין הנאה ניט! יונה'ן פערדריסט איך וואס ווען ער קומט צום מיטטאג, איז מירל נאך ניט אנגעטאן אין ארומגעוואשען ווי עס דארף זיין, שבת ווען יונה האט בעדארפט איבערבייטען העמד, האט אפט געפעהלט קנעפלעך אדער עפים איז געווען צוריסען.

יונה אליין האט זיך אויך אויף א סך איבערגעביטען: דער שטענדיגער געפוצטער יונה וואס פלעגט ארויסגעהן אין גאס ווי א טאק, ווי א פראנט, פארפוצט פארקעמט, געהט יעצט עפים ווי א אבגעלאזענער, ווי א נאחליהע, ווער פארקעמט, וואס פאר-פוצט! זיינע קליידער קוקען אן א בעירשטעל אפשר איין מאהל אין דער וואך; ערב שבת; אויף זיין קאפ קען מען אויך אמאהל געפינען פעדערן פון בעטגעוואנט, שטענדיג צושפילעט, צותראסטעט, און ווי האט ער גאר צייט דערויף אז אפילו נאך מיטטאג געהט ער היינט אויך אוועק אין קאנטאר, ער האט אויף זיך גענומען מעהרער ארבייט האבען מעהר צעהן רובעל א חודש וועלבע ער דארף אזוי נעטהיג האבען.

נאכאהל פלעגט ער פאר דער גאנצער אונארדענונג אין שטוב פארהאלטען זיין

ווייב, ווער שמועסט נאך ווען ער פלעגט קומען אהיים צו מיטאג א אנגעהארעוועטער א הונגעריגער און האט נאך בעדארפט ווארטען אויף דעם מיטאג פלעגט ער אין כעס ווערען און שרייען אויף זיין ווייב, נאר שפעטער ווען ער האט געהאט צייט זיך באטראכטען האט ער בארעכענט אז זי איז געבעך כלל ניט שולדיג, זי איז געבעך מעהר ניט ווי איין מענש, זי שטעהט אויף אין דער פריה הויבט זיך אן מיט די קינדער, מיט דעם מיטאג קאכען, מיט דער אמ'ס קאפריזען, זי חאפט איין ארבייט פאר דער אנדערע. זי וויל אללעס פריהער פארטיג מאכען ביז ווען ער קומט צו מיטאג איז נאך גאר ניט פארטיג; היינט דאס עלטערע קינד שפילט זיך אליין, שמיערט ער עפים אויס, גיסט אויס, צוווארפט אללעס וואס דאס קינד קען נאר נעמען. קען זי איהם זאגען „ניט טהו דאס, ניט יעניץ"? זי דאנקט נאר גאט אז דאס קינד שפיעלט זיך אליין און שטערט איהר ניט אין דער ארבייט. נאך א מענש צונעמען צום קינד טראגט ניט, יונה הארעוועט געבעך אזוי אויך איבערן כח און האט אזא שלעכט פנים אז עס איז א רחמנות צו קוקען. ער שרייט א מאהל אויף איהר עס איז איהם שלעכט, נא שווייגט זי, ווער דען זאל פארטראגען זיין שרייען אז ניט זיין ווייב?

עס איז שוין שטענדיג אזוי געוועזו ווען נאר יונה האט אויף מירלעו געשריגען פלעגט ער שוין אין א שעה ארום אדער ניט שפעטער ווי אויף מארגען צוואנציג מאהל איבערבעטען זי, זי זאל איהם מוחל זיין וואס ער האט אומזיסט געשריגען אויף איהר, ער איז געוועזען הונגעריג... א. ד. ג... מירל פלעגט איהם ענטפערען אז זי איז גאר ניט ברוגז אויף איהם.

— עס איז אליגען, דו ביזט נאך ברוגז אויף מיר.

— ניין, חלעבען.

— איך בין אזוי אין כעס געוועזען און איך האב אזוי פיעל אויף דיר געשריגען.

— אז דו שרייסט אויף מיר, טהוט מיר נאר וועה דאס הארץ אבער ברוגז בין איך אויף דיר ניט.

— נא, טהו ושע א לאך, וועל איך וויסען אז דו ביזט אויף מיר ניט ברוגז.

— איך קען ניט לאכען ווען מען הייסט מיר לאכען.

— ניין, טהו באלד א לאך, פלעגט יונה ניט אבטרעטען ביז מירל האט זיך ניט ווילענדיג צולאכט און ער פלעגט זי דערפאר אבשטען מיט א סך קושען.

מעהר ווי א האלב יאהר איז פון דער צווייטער קינדבעט אוועקגעגאנגען און יונה מיט מירלען האבען זיך טאקי אבגעהיט, נאר דערנאך איז נאך אוועקגעגאנגען ניין חדשים און מירעל האט אזוי אבגעהיטערהייט געהאט למזל א דריטט קינד — א טאכטער. יונה איז געוועזען אויסער זיך, נאר ווען ער האט דעם ערשטען קוק געטהון אויף זיין נייער טאכטער ווי זי האט געזוכט מיט די ליפעלעך און געבלאנדזעט מיט די אויגעלען האט ער געפונען אז אזא קראסאוויצע איז נאך ניט געוועזען זינט די וועלט שטעהט און עס קאן גאר ניט זיין כל זמן די וועלט וועט נאך שטעהן, ער איז אין דער מינוט זעהר פרעהליך געווארען און ווי דער גליקליכסטער פאטער האט ער געזאגט זיין ווייב:

— האסט געזעהען, מירעלע, האס פאר א געטאקט נאוועלע אונזער נייע טאכטער האט? זי איז געבוירען געווארען מיט א שווארצע פאטלע האר!

מיט אויגען פולל פון מוטטערליכע גליק האט זי א קוק געטהון אויף איהר יונגען און א שמייכעל געטהון עפעס מיט א געזיכט פון א בקשה, און יונה האט לאנג געקושט זיין נייע טאכטער.

די צייט איז געגאנגען, עס האט זיך ווייטער אנגעהויבען מיט א אם מיט קאפריזען, מיט נאך מעהר אונארדנונג אין שטוב, מיט דעם „טיטטאג" און מיט אללעם, די הוצאה איז נאך גראסער געווארען און יונה מיט זיין מירלען זענען געווען מעהר פארארבייט אז זיי האבען שוין זיך גאר ניט אומגעקוקט ווי פריהער. עס קען זיין ביי זיי אין שטוב מעהר ארדנונג ווי יעצט, אזוי איז מען געבען געווען פארפארעט, פארארבייט. יונה האט ניט נאר אויפגעהערט שרייען נאר פארקעהרט ווי ער האט קיין צייט געהאט און זיך שטענדיג געאיילט אין קאנטאר, פלעגט ער אליין אנטהון דאס עלטערע קינד, עס ארומוואשען און עס אנגעהאדעוועט, אויף דער נאכט ווי ער פלעגט זיין מיעד פלעגט ער אליין אויסטהון זיינע עלטערע קינדער און מיט שאנע מעשהלעך און ליעדעלעך פארוויגען די צווייטע טאכטער אין וויגעלע און די עלטסטע ביי דער מוטטער אין בעט, און ביי נאכט אז א קינד זי געוויינט אדער עפעס געוואלט, פלעגט ער זיך פריהער אויפכאפען און אין דער שטיל צופריעדען שטעללען דאס קינד אבי ניט אויפוועקען זיין מירלען, זי זאל כאטש קענען רוהיג שלאפען ביי נאכט.

פאר זיין גאנצער הארוואניע האט ער זיך געטרייסט מיט איין זאך.

— נא געננג!... דריי קינדערלעך איז ניט אזא געוואלד. די אם — די צרה וועלען מיר אי"ה אויך באלד איבערלעבען, די קינדער וועלען דערוויל אלטער ווערען, מען וועט שוין קענען לעבען אביסל רוהיגער. מען וועט קענען פארשפארען, ניט זיין אזוי פארשולדיגט. פון דערוואקסענע קינדערלעך איז ניט אזא געפילדער מיט אזא אינארדנונג, פארקערט צו ביסלעך היבען זיי שוין אן אליין מיטהעלפען אין שטוב אין דער ארבייט, אז מען קען שוין אליין אביסל אפרעדען.

~~~~~~~~

# IV.

## אין קאנטאר.

שטעלט אייך פאר מיט וואס פאר א הארץ יונה איז היינט נאך מיטאג אוועק געגאנגען אין קאנטאר ווען זיין מירל האט איהם פארשעמט, דערשראקען, ווי א פארשולדיגטע, געזאגט שטיל:

— דאכט זיך „יא"...
~~~~~~~~

— נאָ אַז זי זאָגט „דאַכט זיך יאָ" איז שוין געווים „יאָ" — האָט יונה געזאָגט צו זיך פון יענער זייט מְהִיר און מיט גיכע טריט אַרוים אויף דער גאַס.

ווי אַ צודולטער, ווי דער אומגליקליכסטער איז ער געגאַנגען [illegible] ניט באַמערקט פאַר זיך, און מיט איין אַראָבגעלאָזטען קאָפּ ווי גלייך עס האָט איהם אין גאַנצען פאַרלוירען איז ער אַריין געקומען אין קאָנטאָר

— וואָס איז מיט אייך, גלאַזמאַנן? האָט יונה'ן דאָרט איינער געפרעגט וואָס איז געזעסען ביי אַ שרייב טיש און דיענט שוין צוזאַמען מיט איהם עטליכע יאָהר — וואָס זענט איהר אַזוי בלאַס, אַזוי טרויעריג?

— האַ... וואָס?... גאָר ניט... איך בין זעהר מיעד, האָט יונה געענטפערט און זיך געזעצט אויף זיין שטול נעבען זיין שרייב קאָנטאָרקע.

יונה האָט עטליכע מאָהל אָנגעהויבען שרייבען און האָט אַללע מאָהל אויסגעמעקט.

— עס גלוסט זיך מיר היינט ניט אַרבייטען, איך בין שרעקליך שוואַך, איך בין זעהר מיעד, האָט זיך יונה געווענדעט צום יונגען מאַנן וואָס איז געזעסען ניט ווייט פון איהם.

— מיר אויך ניט! האָט פרעהליך זיך אָנגערופען דער יונגער מאַנן, זיך אויפגעהויבען פון שטול, איין פוס אָנגעשפאַרט אויף דער שטול, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און געלאָזט רויכבייגעלעך אין דער לופט.

— איהר ווייסט, גלאַזמאַנן — האָט זיך דער יונגער מאַנן ווייטער אָנגערופען — געבעטען האָב איך זיך כמעט שוין אין גאַנצען מיט „איהר" ערקלעהרט, עס זאָלען נאָר ניט געווען אָנקומען קיין געסט, און עס קען אויך זיין איך וועל בעקומען אַ גוטען ענטפער, וועל איך נאָך היינטיגע וואָך אַ חתן ווערען.

— וואָס?

— אַ חתן וועל איך היינטיגע וואָך ווערען פאַר איהר, אַ, ליעבער פריינד! איהר זאָלט וויסען ווי גליקליך איך בין, אַ סך יונגען מיר מקנא אויף אַזאַ כלה. אין צוויי חדשים וועלען מיר אָבלעגען די חתונה.

— חתונה!??

— יאָ יאָ, די חתונה.

חתונה!?!...

— אַי געהט! איך קען מיט אייך היינט ניט רעדען, איהר זענט מיט עפּעס פאַרטראַגען, לאָז שוין זיין אויף אַ אַנדערן מאָהל, — האָט דער יונגער מאַנן געזאָגט, געזעגענט זיך מיט יונה'ן, אָנגעטהון זיין שטשיגאַלסקע פּאַלטע מיט דער ליכטיגער שלאַפּע, גענומען דאָס דינע שטעקעלע און פרעהליך לעבעדיג מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל אַרוים פון קאָנטאָר. יונה איז געבליבען אַליין.

— אַ ביינער אומגליק אַט דאָס חתונה האָבען! האָט יונה אָנגעהויבען צו זיך.

– נא איין מאהל חתונה געהאט איז זיך שוין ניט אבצוקויפען, אבצוטשעפען זיך דאס גאנצע לעבען! וואס פאר א פארברעך האב איך אזוינס געטהון וואס איך קום אב אזוי אויף דער וועלט? נא איך האב חתונה געהאט האב איך געזינדיגט! אבער אזוי פיעל אבקומען אויף דער וועלט, זיך ניט אברוהען אויף קיין מינוט, ניט וויסען פון קיין לעבען, פינע און פינע, ארבייט און ארבייט ווי צעהן אקסען אין דער יארמא, וואס איז? — איך האב חתונה געהאט! — נא און זי? מירעלע מייגע... איז דען ניט א גאטס רחמנות אויף איהר?... נאך מעהר וויא אויף מיר!... מיילא איך... איך... איך בין אין קאנטאר! אבער זי נעבעך, וואס זעהט זי? פארהארעוועט, פארקויפט, פארארבייטעט אז שלאפען אויסרוהען לאזט מען זי ניט. אזא געזונד שאן בליהענדיג מיידעל ווי זי איז געוועזען, אזא לעבעדיגע, אזא פרעהליכע, ווי פיעל לעבען האט זיך אין איהר געפונען! און וואס איז איצט פון איהר געווארען? וואו איז אהין געקומען די פריהערדיגע מירל? וואו איז איהרע געזונדטע באקען, איהר פולער האלדז, איהר הארץ, איהר זעלטענע שאנע געזונדטע טאליע? הויט און ביינער איז געבליבען פון אללעם, נאר די אויגען בלישטשען נאך אין איהר. ווער האט דאס אללעם ביי איהר צוגענומען? — די קינדער!... מיט וואס פאר א רעכט? מיט וואס פאר א רעכט נעמען זיי אוועק ביי מיר מיין שאן געזונד ווייב!?... און איצטער... ווייטער מיט דעם פיערטען קינד!... מיט דעם פיערטען קינד און מיט פופציג רובעלעס זשאלאוואניע!... וואס וועט זיין ווייטער? מיט מירלען?... מיט מיר?... מיט די קינדער?... ניין! ווייטער קען אזוי ניט זיין!... איך וועל ניט דערלאזען!... איך וויל ניט אז די קינדער זאלען טאקי אין גאנצען אויפ-עסען מיין ווייב מיין טייערע מירעלען וועלכע איך האב ליעב, אהן וועלכע אויף דעם הונדערטען פאל חס ושלום וועל איך א מינוט ניט קענען לעבען. איך וויל ניט, איך וויל ניט! אוים! איין ענק! א סוף!...

יונה איז זיך א ביסעל דורכגעגאנגען הין און צוריק איבער דער קאנטאר און זיך ווייטער אבגעשטעלט ביים טיש.

– א מזל אומשטיינס געזאגט! – ניט יעדענס מזל איז גלייך! – מיין עלטערער ברודער שלום האט שוין צעהן יאהר חתונה און ניט איין קינד! אין אמת ווי לעבט ער און ווי לעב איך? ער לעבט זיך ווי א גראף! אין שטוב איז זיך אריין צו קומען ווי צום גרעסטען גביר. אזא ארדענונג אזוי שטיל, זיין ווייב ווערט אלע מאהל ברייטער און געזונדטער און האט אלע פערגעניגען. שלום האט חתונה געהאט מיט ווינציגער נדן ווי איך און בכלל ווי קומט זי צו מיין מירלען, דאכט זיך מיין מירעלס פאדמיאטקע איז זיך געוועזען שאנער פון איהר אין גאנצען, און היינט? אוי, אוי... — ניין, ווייטער וועט ניט זיין אזוי, עס מעג זיין וואס עס וויל זיך און מעהר ניט! די גאנצע וועלט מעג זיך איצט שוין איבערקעהרען קיין קינדער וועל איך שוין מעהר ניט האבען און איין קינד אדער אפשר צוויי וועל איך אוועק שיקען צו שלום'ן. ער מיט זיין ווייב האבען מיר נאך פאר א יאהרען צוואנציג מאהל געשריעבען און געבעטען איך זאלל זיי שיקען מיינס א קינד, פאר וואס האב איך טאקי ניט געשיקט ווייס איך טאקי ניט, וואס

וואלט איך דא אנגעווארען? די גרויסע פערגעניגען וואס איך קען מיינע קינדער געבען פון די פופציג רובעלעס זשאלאוואניע! איך ווייס, דאכט מיר וואס דארט ווארפט מען ארויס געפינט זיך ביי מיר אין שטוב ניט! זיי נעמען דען צו ביי מיר מיין קינד? וואס וועט מיך האַרען אַז מיין קינד וועט דארט זיין גוט און מיר וועט אויך ווערען גראמער און גרינגער? מירל וועט זיך האַבען קענען אברוהען. איך האב נאך פאר אַיאהרען געוואלט זיי שיקען פערעלען. נאר איך האב מירלען ניט געוואלט טהון דערגעגען, זי האט געזאגט אַז זי וועט בענקען, דא חלעבען נאך וואס צו בענקען! זשעדנע אודאי נאך אַקינד, קארג געפילדער קיין עין הרע ביי מיר אין שטוב! איין אמתער מארק אַז מען הערט ניט וואס מען רעדט איבער זיי. איך וויל גאר ניט וויסען, נאך טאקי די וואך און ניט שפעטער ווי נאך שבת שיק איך פערעלען צום ברודער. נאך היינט אויף דער נאכט וועל איך היסען צוגרייטען אַלעס וואס פערעלע דארף מיט זיך האבען און היינט אויף דער נאכט שרייבען שלום'ן ער זאל שיקען נאך פערעלען. אַ וואס פאר אַ שמחה וועט זיין ביי זיי אַז זיי וועלען מיין בריעף בעקוממען! זי געהט לאנג אויס נעהמען צו זיך אַקינד, שלום זאל אַזוי ניט סקוטשאיען, נאר ער וויל ניט קיין אַנדער קינד ווי מיינס. עס וועט ווערען גאר אַנדערש ביי מיר, מעהר וועל איך ניט דערלאזען!...

נאך פיעל גוטע נייע פלאנער איז יונה'ן אויפגעקוממען ווי צו שטעלען זיין הויז אין ארדענונג און עס זאל פון היינט אָן מעהר ניט אַוועקגעהן ווי פיעל ער פארדיענט און אפשר נאך כ'זרשפארען.

פלוצים האט ער זיך ווייטער דערמאנט אָן זיין מירלען, טאמער וועט זי ווייטער זאגען אַז מען וועט אַוועקשיקען פערעלען וועט זי בענקען.

—איך וועל זי ניט הערען, זי וויל ניט פערעלען לאז זיין אַ נ'אַנדער קינד. ביי מיר איז אַלץ איינס, מעהר וועל איך זי שוין ניט פלאגען... גענוג!...

V.

# אַוועקגעשיקט.

היינטיגען אבענד האט מירל אַוועקגעווארפען אַללע ארבייט און אויפגעראמט אין שטוב פונקט ווי עס איז אַיום טוב, אפילו די גלאזלעך פון די לאמפען ריין אויסגעווישט כדי עס זאל ברענען ליכטיגער, אַללע קינדער אפילו דאס קלענסטע אָבגעוואשען, אויסגעצוואגען און גאנץ ריין אנגעטהון, זי אַליין האט זיך אויך אנגעטהון אַ ווייס געפרעסט טציצען קלייד. אַללעס אין שטוב איז געשטאנען און געלעגען אין בעסטער ארדענונג, אומעטום איז געווען זויבער ריין, פון טיש האט געפינקעלט דער סאמאוואר,

די קינדערלעך, וואס האבען געמיינט אז עס איז עפּעס א יום טוב, זענען שטיל דער־פאר געווען ווייל זייא האבען געוואוסט אז יום טוב גיט מען גוטע זאכען.

דאס אללעס האט מירל געטהון היינטיגען אבענד דערפאר, ווייל זי האט געוואוסט אז נאך דער גוטער בשורה וואס זי האט היינט נאך מיטטאג יונה'ן דערצעהלט וועט ער געווים קוממען טרויעריג, דערשלאגען, אראבגעפאלען ביי זיך; דרום האט מירל געטראכט, זאל אללעס אין שטוב זיין אין ארדענונג ער זאל ווערען פרעהליכער, ניט מיינען אז די וועלט איז שוין אין גאנצען געפאלען, ניט האבען אין וואס זיך צו־טשעפּען אונ אין כעס ווערען. עפּעס אין דעם נייעס וואס זי האט היינט יונה'ן דער־צעהלט האט זי נאר זיך אליין בעשולדיגט אונ אלץ געזוכט איהם צו פארגיטיגען. —

מיט אונגעדולד האט זי ערוואַרטעט יונה'ן פריהער ווי אלעמען, דאס הארץ האט איהר זעהר וויי געטהון פאר איהם אונ האט איהם געוואלט טרייסטען „אז די וועלט איז נאך ניט געפאלען, זיי זענען ניט איינע ביי גאטט. גאטט גיט קינדער וועט ער געבען צו די קינדער״ אונ נאך אזעלכע ווארטער האט זי צוגעגרייט איהם צו טרייסטען אונ דערצו האט זי געוואוסט אז נאר זי, זי אליין איז אים שטאנד איהם גוט צו מאכען אונ טרייסטען — איהם פארגרינגערען.

— ער איז זיך אזא גוטער — פלעגט מירעל אפט זאגען — מיר האבען זיך אזוי ליעב, עס איז גענוג אז מיר זאלען זיך ביידע גוט אנקוקען אין די אויגען אז מיר זאללען אין אללעס פארגעסען אונ פיהלען זיך פאר די גליקליכסטע אין דער וועלט, ווער שמועסט נאך צוזאממען מיט אונזערע בריליאנטענע קינדערלעך; ווער האט נאך אזוי ליעב קינדער ווי ער? איז דען דא אזא געטרייער פאטער ווי ער? ער האט דאך דאס בעסטע פער־גניגען זיך צו באנטשען מיט די קינדער, אסך מעהר ווי איך. אונ ווי האבען איהם די קינדער ליעב! עס איז דען געזעהן געווארען אזא טייערער טאטע מיט אזעלכע קינדערלעך! נאר ... נאר יונה איז דען ניט גערעכט? ער הארעוועט שוין אזוי אויך נעבעך איבערן כח, שוין א יאהר אז ער שלעפּט זיך אין זיין אלטען פאלטא אז עס פלאמט מיר דאס פנים אונ וויל זיך ניט מאכען קיין נייעס, אלץ גיט ער אוועק פאר די קינדערלעך. אוודאי דארפען קינדער קיין עין הרע האבען! ווי פיעל קאסט איהם נעבעך געזונד וואס פון מיר ווערט א מאל איבער די קינדער, ער שרייט וואו איז זיין געזונדטע מירעל אהין געקוממען, ער איז דען ניט גערעכט? ...

ענדליך איז יונה אהיים געקוממען, ער איז געוועזן זעהר צוטראגען, טרויעריג אונ אראבגעלאזט דעם קאפּ, אפילו ניט באמערקט די גרויסע פארענדערונג ביי זיך אין שטוב אונ אויף זיין ווייב אונ קינדערלעך, זיך אפילו פארגעסען זיך צוקושען מיט זיי.

— מירעל! האט יונה גלייך געזאגט, היינט שרייב איך א בריעף צו שלום'ן, אז איך שיק איהם אונזער פערעלען. שוין פון א יאהר אז ער הערט זיך ניט אויף צו בעטען מיר זאלען איהם שיקען א קינד. דו זאלסט אנגרייטען אללעס וואס פערעלע בארף

מיטנעהמען, די פערד זאללען לאנג ניט בעדארפען ווארטען.

מירלען האט זיך ווי עפעס אבגעריסען אין הארצען, טרעהרען האבען זי געשטיקט אין האלדז, זי האט ניט געקענט ענטפערען, זי האט זיך נאר געפיהלט אז זי האט זיך שטארק פארשולדיגט פאר יונה'ן וועלכען זי האט אזוי הייס ליעב, ווי קען זי נאר יעצט זאגען איהם א דעה וואס ער וויל טהון? געווים איז איהם געבען שווער, מסתמא דארף ער אזוי טהון, זי קען איהם איצט ניט זאגען ווי פאר א יאהרען „איך וועל בייענקען”. —

— נא וואס זאגסט דו מירעלע?

— וואס זאל איך זאגען, אז דו פארשטעהסט אזוי זאל זיין אזוי, פערעלע איז דען ניט דיין קינד ווי מיינס?

— טאמער ניט פערעלען? אפשר אן אנדער קינד?

— וואס איז דער אונטערשיעד? אללע זענען אונזערע קינדער.

— אט וועט זיין ביי שלום'ן מיט זיין ווייב א שמחה ווען זיי וועלען בעקומען מיין בריעף אז איך שיק זיי פערעלען, זי וועט זיך נאך מעהר פרייען, זי וועט פערעלען טראגען אויף דעם קאפ.

---

אין אכט טאג ארום איז געקומען פון יונה'ס עלטערען ברודער א פוהר מיט עטליכע קישען און קאלדרעס איינצוויקלען גוט דאס קינד, חאטש עס איז געוועזען נאך זוממער. און זייער א יודענע מיט א בריעף אין וועלכען זיי דאנקען טויזענד מאהל יונה'ן מיט מירלען וואס זיי האבען זיך ענדליך ענטשלאסען זיי גליקליך מאכען און שיקען זיי זייערס א קינד. דערצו האט די יודענע זיי איבערגעגעבען א גרויסען טאפ פוטער, עטליכע סלאיעס איינגעמאכטס (ווארעניא) מיט נאך אזוינע מתנות. פערעלע האט זיך זעהר געפרייעט וואס זי פאהרט זיך דורך צום פעטער.

די פוהר האט זיך אביסעל דורכגעקאטאיעט איבער דער שטאדט מיט אלע קינדערלעך און דערנאך איז די יודענע מיט פערעלען אוועקגעפאהרען.

מירל האט ניט געוויינט ווען זי האט זיך געזעגענט מיט איהר קינד פערעלע, זי האט זי נאר א סך געקושט און נאך א מאהל געקושט. יונה האט אויך עטליכע מאהל געקושט פערעלען, אללע מאהל פרעהליך געמאכט זיך א הארץ און געזאגט מירלען:

— גענוג זיך קושען און סמאטשקען, זי פאהרט ניט אוועק קיין אמעריקא. נאך א מאהל האט ער מיט מירלען אנגעזאגט אז טאמער וועט דאס קינד וועלען טרינקען זאל מען געבען פון דעם רויטען פלעשעל, און טאמער עסען, ליגט דארט אין פעקעל, אויך טאמער ווערט קיהל זאל מען דאס קינד גוט איינדעקען און נאך א דריטען מאהל געזעגענען זיך איז די פוהר אוועקגעפאהרען.

שטיל אהן ווערטער, אהן טרעהרען איז מירל צוריק אריין אין שטוב און יונה איז אוועק אין קאנטאר.

## VI.

# אין צוויי וואכען ארום.

צוויי וואכען איז אזוי אוועק געגאנגען. יונה האט אנגעהויבען [illegible] צו פיהלען ווי עס געהט איהם עפעס אב ביי זיך אין שטוב, ער קען זיך קיין ארט ניט געפינען, די גאנצע שטוב איז עפעס איבערגעאנדערט געווארען, עס איז אומעטום טרויריג און שטיל, די איבריגע קינדערלעך האבען זיך אויפגעהערט צו שפיעלען און אז זיי שפיעלען זיך יא אמאהל איז עפעס אזוי שטיל אז יונה פלעגט ווערען סקוטשנע און טרויריג.

— וואו איז אהין געקומען דאס פריהעריגע פרעהליכקייט אין מיין הויז, ווען פערעלע איז געווען? גאר איין אנדערע פרעהליכע שטוב איז געוועזען ווען פערעלע פלעגט זיין! האט יונה אפט געזאגט צו זיך.

יונה'ן האט שטארק אנגעהויבען פעהלען פערעלעס קלינגענדיג קול'כעל וואס פלעגט זיך הערען איבער דער גאנצער שטוב דעם גאנצען טאג פון פריה ביז נאכט, ער פלעגט פאר זיך דערמאנען דעם זעלביגעם פערגעניגען וואס ער פלעגט אמאהל האבען פון פערעלעס קינדערשע רייד מיט חכמות, פון פערעלס שפיעלען זיך, שפרינגען, טאנצען, שרייען.

דאס אלעס האט יונה'ן שטארק אנגעהויבען אבגעהן, ווער שמועסט ווען די איבריגע קינדערלעך פלעגען ביים שפיעלען דערמאנען אויף זייער קינדער-שפראכע פערעלעס נאמען פלעגט זיך יונה'ן פראסט עקען דאס לעבען. נאר ער פלעגט אלעס אראבשלינגען, אויב ער פלעגט יא דערמאנען פאר מירלען פערעלען פלעגט ער נאר דערצעהלען ווי גוט עס איז איהר ביים ברודער, ווי מען היט זי אב ווי אן אייגען קינד, און ווי זיי שעטצען זיך גליקליך וואס מען האט זיי געשיקט דאס קינד.

יונה האט אויך געוואלט פאר זיין מירלען זיך אויסרעדען דאס הארץ ווי שטארק ער בענקט נאך דעם קינד, ווי די גאנצע שטיב איז גאר קיין שטוב ניט אהן פערעלען, עס איז אומעטיג טרויריג, ער קען זיך קיין ארט ניט געפינען און ווי גוט עס איז אמאהל געווען ווען אלע זיבען געווען צוזאמען, נאר דאס אלעס האט ער מורא געהאט ארויסצוזאגען פאר מירלען און האט אלעס אראבגעשלונגען אין זיך.

יונה האט אזוי לאנג געליטען דערפון ביז עס איז געקומען אפריה מארגען ווען ער איז גאר וואס אויפגעשטאנען און געזאגט זיין ווייב:

— מירעלע, איך פאהר היינט אוועק, מארגען פריה וועל איך קוממען.

— וואו פאהרסט דו?

— צום ברודער אבנעמען אונזער טייער פערעלע. איך וועל זי שוין קיין מאהל ניט אבלאזען פון אונז, איך קען אהן איהר ניט לעבען. קיין קינד וועל איך איהם מעהר ניט געבען. פון היינט אן וועלען מיר שוין אלע זיין צוזאמען, מיר וועלען זיך שוין

קיין מאהל ניט צושיידען, אללע צוזאמען!

— פערעלע! מיין טייערער יונה!! האט מירעל ניט מיט איהר קול אויסגעשריגען און איז געפאלען אין האלב חלשות פון אזא גרויסער אונערוואַרטעטער פרייד, אז מארגען וועט זי זעהן פערעלען און וועט זי שוין קיין מאהל ניט אבלאזען פון זיך.

ווען מירל איז געקומען צו זיך האט זי א גאנצע שעה געוויינט, דער דאקטאר האט געזאגט אז דאס איז דערפון וואס זי האט שטארק געליטען פון גרוים בענקעניש. —

אין צווי טאג ארום ווען מען האט געבראַכט פערעלען האט זי מירל א גאנצע שעה געטולעט צום הארצען און יונה האט זיך מיט א גרויסער שמחה ארום געטראגען מיט דעם קינד און האט זיך אליין ניט געקענט אנטישעשען און אנקושען פון גרוים פרייד. —

די יודענע וואס האט געבראכט דאס קינד האט דערצאהלט: „אז דעם ערשטען טאג ווען פערעלע איז צו אונז געקומען און מען האט איהר געגעבען א סך שפיעלעכלעך מיט נאך גוטע זאכען איז זי געווען זעהר פרעהליך, נאר פון דעם צווייטען טאג אן האט זי אנגעהויבען טרויעריג ווערען, וואס ר' שלום מיט זיין ווייב האבען איהר געגעבען האט ניט געהאלפען, „דאס טעלערעל פון הימעל“ האט מען איהר געגעבען, „פון פויגעל מילך“ האט מען איהר ניט געזשאלעוועט, עס האט אלץ ניט געהאלפען, אט אויף א מינוט איז זי פרעהליך געווארען און דערנאך ווייטער טרויריג אויף א גאנצען טאג. דאס קינד האט שוין אנגעהויבען בלאס ווערען, דער בעל-בית מיט דער בעלבית-טע האבען זיך דאס לעבען געזאמען, אלץ געהאפט דאס קינד זאל פראהליך ווערען, נאר איהר זענט אנגעקומען“.

מירל און יונה הערענדיג דאס האט זיך זיי געגאסען טרעהרען פון די אויגען און מירל האט באמערקט — אז דאס קינד איז טאקי אביסעל אראפ פון פנים, מיינע ביינער זאל זי איבער לעבען, ליעבער גאט!

די איבריגע קינדער זענען מיט פערעלעס קומען אויפגעלעבט געווארען, זי האט מיט זיך געבראכט א סך נייע שפיעלעכלעך און ליאלקעס און עס איז פרעהליך ביי יונה אין שטוב נאך מעהר ווי פריהער, זיסע פרעהליכע קינדערשע קולכלעך האבען עפיס אריינגעטראגען א נייע לעבען, א נייעם גליק צו יונהן אין שטוב.

פון דעם טאג אן זינט פערעלע איז געקומען האט יונה זיך אויפגעהערט קלאגען ווי ביז יעצט אויף זיין לאגע, ער האט אנגעהויבען הארעווען מיט פערגעניגען פאר זיין ליעבע פרוי און קינדער, אוועקגעווארפען די אללע נאררישע פרעטענזיעס צום לעבען, צו גאטס וועלטעלע, ער האט אנגעהויבען פיהלען דעם אמת'ן טעם אין פאמיליענלעבען, האטש עד היום בעקומט ער מעהר ניט ווי פופציג רובעלם א חודש.

ניט לאנג האט מירעל מיט מזל געהאט א פיערטע טאכטער. יונה קען זיך גאר ניט אבלויבען פון זיין נייער טאכטער, ער זאגט אז אזא קראסאוויצע איז טאקי באמת ניט דא אין דער גאנצער וועלט, זי איז געבוירען מיט בלאנדע האר און האט די מוטערס אויגען.

ט. ספעקטאר

# 300 פיידזשעס — וועלט בעריהמטע אפּעראס — 300 פיידזשעס

## בעשריעבען און ערקלעהרט אין פליין אידיש

— פון —

## ווילליאם עדלין.

---

דעם אינהאלט פון דעם דראמאטישען סוזשעט און דער כאראקטער פון דער מוזיק פון דיא בעסטע 25 איטאליעגישע, פראנצויזישע און דייטשע אפעראס. סיי דער וואס געהט אין אפערא און סיי דער וואס האט ליעב לעזען וועגען דיא פראכטפאלע סוזשעטען פון דיא גרעסטע אפעראס קען אין דיעזען בוך געפינען פיעלעס וואס פערשאפט דעם העכסטען עסטהעטישען פערגעניגען.

## קויפט דעם בוך איבער דיא שעהנסטע קונסט.

און זעהט וואס פאר א וועלט פון גענוס עס איז דא פאר אלע מענשען פון אלע קלאסען. דער בוך דארף זיך געפינען ביי יעדען וואס האט ליעב צו לעזען די בעסטע ראמאנען, דראמאס און פאעזיע.

„מאצארט“.
„בעטהאווען“.
„וואגנער“.
„ווערדי“.
„מייערבעער“.
„האלעווי“.
„גונא“.
„גאלדמארק“.
„ראסיני“.
„בעליני“.
„דאניצעטי“.
„פוטשיני“.
„מאסקאני“.
„לעאנקאוואלא“.
„מאסענע“.
„שטראוס“.
„ביזע“.
„דאן זשואן“.
„פידעליא“.
„טאנהייזער“.
„לאהענגרין“.
„פארסיפאל“.

„טריסטאן און איזאלדע“.
„אאידא“.
„ריגאלעטא“.
„טרובאדור“.
„טראוויאטא“.
„הוגענאטען“.
„פראפעט“.
„דיא יודין“.
„פאוסט“.
„מלכה שבא“.
„בארבער פון סעוויל“.
„פיוריטאני“.
„לוציא“.
„לא באהעם“.
„מאדעם באטערפליי“.
„קאוואלעריא“.
„פאליאטשי“.
„נאווארעז“.
„סאלאמע“.
„קארמען“.

**פרייז 35 סענט בראשירט און 50 סענט געבונדען**


# Hebrew Publishing Co.,

85 Canal Street, New York, City.

# אלעקסאנדער'ס מעטהאדע

## פון אלכסנדר הארקאווי,

איז א ניצליכער בוך גרינדליך אויסצולערנען דיא ענגלישע שפראכע

## א בוך פון 600 זייטען,

זיין ריכטיגער פרייז אין אללע שפראכען איז 8 דאללאר,

אין אידיש נור 1.25 דאללאר.

אלעקסאנדער'ס מעטהאדע איז אנערקענט אין דער גאנצער וועלט פיר דיא בעסטע, וויל דיא פראקטיק האט בעוויזען, דאס זיא איז זעהר לייכט און גוט פיר יעדען וואס וויל זיך אויסלערנען דיא ענגלישע שפראך אהן א לעהרער.

## אלעקסאנדער'ס מעטהאדע

איז אויף אזא ארט, דאס דיא שפראך איז איינגעטהיילט אין לעקציאנען, אין יעדער לעקציאן קומען פאר ווערטער, געשפרעך און גראמאטישע רעגעלן.

פאר דיא לעקציאנען קומט א בעזונדערע אבטהיילונג צו לערנען זיך לעזען און שפעלען, אום דיא ווערטער און גראמאטישע רעגעלן זאללען מעהר פערשטארקט ווערען אין דיא געדאנקען, ווערען אם ענדע פון יעדער לעקציאן געגעבען שטיקער לעזע־שטאף צום איבערזעטצען. דיא זעטצע פון דיא שטיקער לעזע־שטאף, זיינען צוזאמענגעשטעלט פון דיא ווערטער, וואס זיינען פריהער פארגעקומען. דער לערנינג ווערט זייא קענען איבערזעצען. יעדע שטיק לעזע־שטאף טראגט א נומער.

צום לעהר־בוך קומט א בעזונדער בוך, א שליסעל, וואס ענטהאלטעט דיא ריכטיגע איבערזעצונג פון יעדען זאץ. דיא איבערזעצונגען זיינען בעצייכענט מיט דיא זעלבע נומערן וויא דיא שטיקער לעזע־שטאף בייא דיא לעקציאנען. דער שילער קען אלזא מיטען שליסעל אבשטימען אויב זיין איבערזעצונג איז ריכטיג אדער ניט.

## אלעקסאנדער'ס מעטהאדע איז איינגעטהיילט אין

# 78 לעקציאנען.

דיא אבטהיילונג צו לערנען זיך לעזען, איז זעהר פראקטיש. דיא רעגעלן ווערען ערקלערט איינפאך און דייטליך. אין דיא לעקציאנען ווערען געגעבען דיא אויס־שפראכע פון יעדען ענגלישווארט מיט אידישע בוכשטאבען.

דאס בוך ענטהאלטעט איבער 600 זייטען אין גרויסען פארמאט און עלעגאנט געבונדען.

## פרייז 1.25 דאללאר.

צו בעקומען בייא אלע בוכהענדלער, וויא אויך בייא

**HEBREW PUBLISHING CO.,**

83-85-87 Canal Street, NEW YORK.

# דרייא נייע ביכער

## יעצט עבען ערשיענען!

## קין'ס צואה.

### פון א. טאַנענבוים.

דיעזע ווערק איז א קריטיק איבער דיא מענשליכע פערדאָרבענהייט, אונד צייגט וויא וויית דער מענש איז בלוט־דורשטיג אונד אז ער שטעהט ניט פיעל העכער פון א ווילדעס טהיער אונד אין דער זעלבער צייט איז עס א וויסענשאַפט־ליכע ווערק, וועלכע מאכט אייך בעקאנט מיט פיעלע אינטערעסאַנטע זאכען.

פרייז, 15 סענט.—פּאָרטאָ פרייא.

## ניקאָלאַי דער ערשטער.

### פון נ. מ. שייקעוויטש.

א ראָמאַן פון דעם פערגאַנגענעם אונד געגענווערטיגען אידישען לעבען אין רוססלאנד, וואו עס ווערט געשילדערט מיט ריכטיגע פאַרבען דיא לעצטע אידישע צרות אונד פּאָגראָמען וואס אידען זיינען אויסגעשטאַנען אין צארענלאַנד.

פרייז, 10 סענט.—פּאָרטאָ פרייא.

## פאַוסט.

### פאָן געטהע.

וועלכע איז א וועלט־בעריהמטע דראַמא אונד א וועלט־בעריהמטע אָפּערא איז בעאַרבייטעט אין איין ערצעהלונג פאָרמע פון

### א. טאַנענבוים.

דיעזע ווערק איז זעהר אינטערעסאַנט אונד יעדער אידישער לעזער וואס האט נאָך קיין מאָל געזעהען אויפשפּיעלענדיג דיעזע וועלט־בעריהמטע דראַמא אין איין טהעאַטער, קען האבען א פאָלשטענדיגען בעגריף פון דיעזע קונסטווערק ווען ער לעזט דאס ביי זיך אין הויז.

פרייז, 10 סענט.—פּאָרטאָ פרייא.

# לעצטע שריפטען

— פון —

## מענדעלי מוכר ספרים.

(ש. י. אבראמאוויץ)

די לעצטע שריפטען איז א זאמלונג פון פערשיעדענע זשורנאלען אונד ציימונגען וואו דער פאטער פון דער אידישער ליטעראטור ש. י. אבראמאוויץ האט אין דער לעצטער צייט געשריבען.

יעדע פון די שריפטען איז א מייסטערהאפטע קריטיק איבער דעם אידישען לעבען אונד ווירקען אין רוסלאנד, אונד אין דער זעלבער צייט איז עס פול מיט הומאר, וויטץ אונד שארפזינן אונד זעהר אינטערעסאנט אונד שפאנענד צו לעזען.

אין איינע פון דיא שריפטען ווערט געשילדערט מיט דער קראפט פון מענדעלי'ס פעדער די לעצטע אידישע צרות אונד פאגראמען אין רוסלאנד, אונד דיעזע שילדערונג אליין איבערשטייגט אללעס וואס ער האט פאהער געשריבען, אפילו פון זיינע צוויי בעריהמטע ווערק ווי דיא „קליאטשע" אונד „פישקע דער קרומער" עס איז א קונסט ווערק אונד עס איז ווערטה צו לעזען אונד שטודירען.

**פרייז 35 סענט** (פארטא פרייא)

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York

— דיא —

# אימיגראנטען

— פון —

## לעאן קאברין

דיעזער ראָמאַן פון דעם בעוואוסטען אידישען שריפטשטעלער און דראַמאַטורג לעאָן קאָברין איז איין אמת'ער פעריל אין דער אידישער ליטעראַטור. אין איהם ווערט געשילדערט מיט ברענענדיגע פאַרבען דאָס לעבען פון די אידישע אימיגראַנטען אין אַמעריקאַ, דער שווערער שטרייט, וואָס די אימיגראַנטען האָבען צו פיהרען אין דיעזער לאַנד פאַר זייער עקזיסטענץ. דאָן פיהרט דער פערפאַסער פאַר אונז אַרויס אין דיזען ווערק אַ גאַנצע גאַלערעע פון טיפּען און כאַראַקטערע, פון'ם לעבען אין אונזער אידישען קוואַרטאַל.

אויך ווירד דאָרט געשילדערט ציוניסטען, אידישע אַסימי־ליאַטאָרס, סאָציאַליסטען, אַנאַרכיסטען און אַזוי ווייטער. אויסער דעם איז דער ראָמאַן אַליין זעהר אַנ'אינטערעסאַנטער. די לעזער וואָס ווילען זיך בעקענען מיט דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע און מיט דער אידישער לאַגע בכלל, דאַרפען לעזען

### „די אימיגראַנטען"

און די וואָס זוכען אין אַ ראָמאַן אַנ'אינטערעסאַנטע האַנד־לונג, אויפרעגענדע סצענען, וועלען דאָס אַלעס געפינען אין דיזען ווערק פון לעאָן קאָברין.

✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦

**פרייז 30 סענט.**

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער:

**HEBREW PUBLISHING COMPANY,**

**83-85-87 Canal Street, New York.**

# אלע כתבים פון מענדעלע מוכר ספרים

## (ש. י. אבראמאוויץ).

---

**אלטע מעשה** אדער א נאכט אין צרות, א בילד פון אידישען לעבען אין דער ליטא. 10

**ווינש פינגעריל**, א מתנה פיר דיא ליעבע אידישע קינדער. 15

**דיא טאקסע** אדער דיא שטאדט בעלי טובות, א מייסטערהאפטע קריטיק איבער דעם אידישען צושטאנד אין רוסלאנד, אין דער צייט ווען אידען האבען זיך אהן א טאקסע ניט געקענט בעגעהן. 15

**יודעל**, א ספור המעשה אין שירים, אין דיעזע ווערק איז אבראמאוויץ דורכגעגאנגען דיא גאנצע יודישע געשיכטע פון אנפאנג ביז היינטיגען טאג. 15

**ישראליק דער משוגענער**, א מייסטערהאפטע קריטיק איבער דיא לעצטע פאגראמען אויף אידען אין רוסלאנד. 10

**לעצטע שריפטען** א זאמלונג פון זיינע לעצטע שריפטען. 35

**פישקע דער קרומער**, א מעשה פון ארימע יודישע לייט. 15

**דער פריזיוו**, א דראמא אין 5 אקטען. 15

**דיא קליאטשע** אדער צער בעלי החיים, דאס איז דיא בעסטע מייסטערווערק וואס איז ארויס פון אבראמאוויץ׳עס פעדער און האט געמאכט א שטורם צווישען דעם לעזע־פובליקום אין דער גאנצער וועלט. „דיא קליאטשע“ איז אויך איבערזעצט געווארען אין אללע וועלט שפראכען און ווערט גערעכענט פיר א ליטעראַרישען אוצר אין דער גאנצער וועלט ליטעראטור. 15

**דאס קליין מענשעלע**, א מייסטערהאפטע ווערק וועלכע איז פולל מיט וויטץ, הומאר אונד שארפזינן אונד דערביי איז עס א געוואלדיגע קריטיק איבער דיא אידישע שטאדט־בעלי־טובות, רעדעל־פיהרער אונד סתם בעלי־צדקות אונד גוטע אידען פון רוסלאנד. 15

**א רייזע־בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען**, וויא ער איז אויף זיינע נסיעות פערגאנגען גאנץ וויים, אז אונטער דיא הרי חושך, און האט זיך גענוג אנגעזעהן און אנגעהערט חדושים, שעהנע זאכען, וועלכע זיינען זעהר אינטערעסאנט צו לעזען. 10

**שלמה ר׳ חיים׳ס**, א שילדערונג פון דעם אידישען לעבען אין דער ליטא, וועלכע איז זעהר אינטערעסאנט, שפאנענד און בעלעהרענד, און ווערט גערעכענט פיר איינע פון דיא בעסטע ווערק וואס מענדעלע מוכר ספרים האט אין דער לעצטער צייט ארויסגעגעבען. 10

# גראף לעא טאלסטאי'ס ווערקע,

## בעארבייטעט אין אידיש, פון ד. מ. הערמאלין.

---

**איוואן איליטש'עס טויט**, א שילדערונג איבער דעם איבערגאנג פון לעבען צום טויט, וואס מען דעקט אונ פיהלט אין דיא לעצטע מינוטען פון לעבען, 10

**איוואן דער נאר**, דיעזער בוך שילדערט פאר אונז בילד, א וועלכעס עפענט אויף אונזערע אויגען צו זעהן א נייע וועלט מיט נייע מענשען, 3

**איך און מיין מאן**, א שילדערונג איבער דער אונגליקליכהייט אין פערהייראטעטען לעבען, און וועלכע הייראטה עס פיהרט צו גליק, און וועלכע צו אונגליק, 6

**אננא קארענינא**, א שילדערונג איבער דיא ליידענשאפט פון א יונגע שעהנע פרוי, ווען זיא פאלט אריין צו אן עלטערן אבגעלעבטען מאן אונד פערליעבט זיך ענדליך אין א פרעמדען יונגען און שעהנעם מאן, וויא אזוי זיא ליעבט, ליידעט, געניסט פון איהר רייץ און פאלט ענדליך אלס אפפער פון דער ביטערער שלאנג—אייפערזוכט, 25

**טאלסטאי'ס ביאגראפיע**, א בעשרייבונג איבער זיין לעבען, ווירקען און איינפלוס איבער זיינע מיטמענשען, מיט א ביילאגע פון זיין בילד. 3

**מיין ווידוי**, א שילדערונג, צו וועלכען צוועק מענשען זיינען בעשאפען געווארען, לעבען אויף דער וועלט און ליידען צרות, 10

**מיין פריינדס פרויא**, א שילדערונג איבער דיא געמיינהייט און פערדארבענהייט וואס פאלשע ליעבע קען אריינברייגגען, 10

**דער נסיון**, א שילדערונג איבער דעם קאמפף פון אנשטאנד מיט אויסגעלאסענהייט, פון מאראל מיט פערדארבענהייט, און פון עדעלען מענער־מוטה מיט ערניעדריגטער פרויען־שוואכקייט, 10

**פאליקושקא**, א בילד פון דעם בויערישען לעבען אין רוסלאנד, 10

**דיא פערפיהרונג**, א שילדערונג איבער אזא מארט לעבען, וואס איז פול מיט מענשליכער אויסגעלאסענהייט און פערדארבענהייט. 10

**דיא צורי' דורות**, א שילדערונג פון דעם רוסישען לעבען, איבער וייער אונ־טערהאלט, בעלער, תתונות, ציגיינער טענץ און קארטען שפיעל, 10

**דיא קרייצער סאנאטא**, א שילדערונג איבער דער פערדארבענהייט אין פערהייראטהעטאן לעבען, עס ווערט בעוויזען מיט פאקטען, אז קיין אמת'ע ליעבע עקזיסטירט גאר ניט אין דער מענשהייט, עס איז נור בלויז ליידענשאפט, פאלשקייט און בעטרוג, 10

**קריעג און פריעדען.** אין דיעזען בוך ווערט געשילדערט דער בלוטיגער יאהר 1812, ווען נאפאלעאן האט איינגענומען גאנץ איירופא, דיא מפלה פון דעם גרויסען קריעגס העלד אין מאסקווא, און דיא גאנצע פאליטיק פון איירופא צו יענער צייט, דאס איז דער גרעסטער און בעסטער ראַמאן וואס גראף טאלסטאי האט געשריעבען, 50

**תחית המתים**, א שילדערונג, וויא איין אלטער בעל־עבירה'ניק ווערט א בעל תשובה, און וויל גוט מאכען זיינע אלטע חטאים, 15

# עמיל זאלא'ס קלאסישע ווערקע,

## בעארבייטעט אין אידיש פון

## ד. מ. הערמאלין און אנדערע בעריהמטע אידישע שרייבער.

---

**פלוטיגע חתונה**, אדער דיא שלאכט ביי דער מיהל, א מייסטערהאפטע שיל־דערונג איבער דיא שרעקליכקייטען פון א מלחמה, 10

**א גלחס זינד**, א שילדערונג איבער דיא העכסטע ליעבעס־געפיהל אין דעם קאמפף מיט דיא פינסטערע געדאנקען, 10

**דיא דארפס־מיידעל**, א רעאליסטישע שילדערונג איבער מערכעך־אונשולד און מענער פערדארבענהייט, 10

**דער וויבערשער גן־עדן**, דאס איז א בוך וואס האט געמאכט דעם גרעס־טען סענזאציאן אין אללע וועלט־שפראכען און איז פערקויפט געווארען אין דיא הונדערט־טויזענדע עקזעמפלארען, 25

**זשערמינאל אדער נאנאנס ברודער**, אין דיעזען בוך ווערט געשיל־דערט נאטור־טרייא דאס לעבען און ווירקען פון דער ארבייטער־קלאסע און דער קאמפף פיר זייער עקזיסטענץ, דאס איז דער גרעסטער און בעס־טער ראמאן וואס עמיל זאלא האט אויפגעשריבען, 40

**טויט שלעגער** אדער נאנאס מוטער, אין דיעזען בוך ווערט געשילדערט וויא אזוי „נאנא" וועלכע איז געוועזען איין איינפאכע מיידעל פון פראסטע עלטערן, איז געקומען צו דער שטופע פון א בלענדענדער וועלט־דאמע, 30

**דיא ליעבעס נאכט**, דיעזער בוך דעקט אף דעם שלייער פון דיא פרומע נשמות פון דער אריסטאקראטיע און ציינט אונז וויא אונטער דער מאסקע פון רעליגיאן ליעגט בעהאלטען א וועלט מיט שמוטץ, אויסגעלאסענהייט און פערדארבענהייט, 10

**לעבען און טויט**, א שילדערונג איבער דיא געפיהלע פון היהנער־פלעט און וויא עס שמעקט בעגראבען צו ווערען לעבעדיגערהייט, 10

**דיא מענשליכע בעסטיעס**, אין דיעזען בוך ציינט אונז עמיל זאלא דיא בעסטיע אין מענשען־געשטאלט, דיא בלוט בעפלעקטע הענד פון פראנק־רייך'ס פאלק און דיא מיט שמוטץ און עקעלהאפטע מאסקע וואס פראנק־רייך'ס גרויסע לייטע טראגען.

**נאנא,** א שילדערונג פון א געפאלענע פרויענצימער וועלכע מאכט דורך אללע שטופען פון אן אויסגעלאסענעם לעבען, אנגעפאנגען פון אן איינפאכע שטראפען מיידעל ביז א גלענצענדע וועלט־דאמע, פיר וועלכע פירסטען פרינצען, גראפען און באנקירען פאלען צו איהרע פיס וועך ווייא קומען מיט איהר אין בעריהרונג, 35

**נאנטאם אדער דער געקויפטער מאן,** א שילדערונג וויא אזוי א יונגע און וואונדערשעהנע מעדכען איז געפאלען צו דער געמיינהייט פון א פער־פיהרער, 10

**פערגיפטעטער קים,** א שילדערונג וועלכע איז אינטערעסאנט, שפאנענד און ריהרענד און ווערט גערעכענט פיר איינע פון דיא בעסטע ווערק וואס זאלא האט געשריעבען, 25

**דיא פאריזער דאמען,** אין דיעזען בוך צייגט עמיל זאלא דיא אויגען פון פיעלע דומע מענער, וואס בעהויפטען אז אונטער טויזענד פרויען גיבט קיין איינציגע א רעכטע. צו זעהן גראדע דעם געגענטהייל, אז אונטער טויזענד פרויען קען מען געפינען א סך רעכטע, ווערענד אונטער טויזענד מענער קען מען נים געפינען קיין איינציגען א רעכטען, 10

**פון רופה צום קבר,** אין דיעזען בוך ווערט בעשריעבען דיא גרויסע וועלט שטאדט פאריז אין אייערע ריכטיגע פארבען, דיא דונקעלסטע פלעטצער, וויא אויך דיא רייכסטע סאלאנען וואו דיא שטאלצע אריסטאקראטען, מיט זייער גאנצער פערדארבענהייט, טהוען אף דיא שענדליכסטע גוואלד טהאטען, 10

**גרויען־ליעבע,** א שילדערונג איבער דיא געפיהלע פון א פרויענצימער און דיא אנציהונגען צו איהר מאן וועלכע אונטערליעגען מערקווירדיגע וועקסלונגען. דער גענ<sup></sup>יאלער עמיל זאלא בעווייזט וויא אזוי א פרויענצימער איז אימשטאנדע צו ליעבען נים נור איין מאן, עס איז איינער פעתר א בילד פון פאליאנדריע, (פיעל מענערייא), גראדע וויא עס איז פון פאלינאמיע (פיעל ווייבערייא), 10

# אידישע ליטעראטור.

**אונטער דיעזען נאמען זיינען ביי אונז יעצט ערשיענען די פאלגענדע אויסגעוועהלטע ווערקע פון די בעסטע אידישע ליטעראטען און פּאָעטען.**

| | |
|---|---|
| אברהם אבינו'ס לעבענס־בעשרייבונג, א. ראזענבערג, | 3 |
| אויפגעקומענער גביר, שלום=עליכם, | 3 |
| אז מען זאָגט משוגע, גלויב, י. ל. פרץ, | 3 |
| אידען אין פרס ומדי, א. טאנענבוים, | 3 |
| איזאבעלא'ס נשמה, ל. ראבינאוויץ | 3 |
| אייזיק'ל שוחט, י. ל. פרץ, | 3 |
| אינדיען (דאָס לאַנד), י. דינעזאהן, | 5 |
| אין שטוב און אין גאַס. מ. ספעקטאר, | 3 |
| אין שטראָם פון רעוואלוציאן, מ. ראַנציס, | 5 |
| דער אלטער און דער נייער דור (דור הולך ודור בא), א. גאָלדפאַדען, | 15 |
| ארץ־ישראל פושקע, מ. ספעקטאָר, | 3 |
| באַרדיטשעווער טהעאַטער, שלום=עליכם, | 5 |
| באַרדיטשעווער טראמוואי און האָטעלען, שלום=עליכם, | 5 |
| באשערט אנ'אונגליק, שלום=עליכם, | 3 |
| בבל (דאָס לאנד), י. דינעזאהן, | 5 |
| ביי'ם דאָקטאָר, שלום=עליכם, | 3 |
| בלינדער בעטלער, א. באראף, | 3 |
| בן יהיד, ב. גארין, | 3 |
| בשעת מגפה, י. ל. פרץ, | 3 |
| גאלדעלע, מ. ספעקטאָר, | 3 |
| גיטעלע'ס יום־כפור, י. דינעזאָהן, | 3 |
| גימנאזיע, שלום=עליכם, | 3 |
| געלד און לעבען, ד. עדעלשטאט, | 3 |
| דור הפלגה, א. גאָלדפאדען, | 3 |
| היינריך היינע, ג. מ. באבאר, | 3 |
| הכנסת כלה, י. ל. פרץ, | 3 |
| א ווינרישנער בילעט, שלום=עליכם, | 5 |
| ווילדע מענשען אין אויסטראַליען, א. קאָטיק, | 3 |
| וועגס=לייט, בילדער פון מ. ספעקטאָר, | 5 |
| ווערא, ד. עדעלשטאט, | 3 |
| זעלדע געהט אין טהעאַטער, ב. גאָרין, | 3 |
| חינא (דאָס לאַנד), י. דינעזאָהן, | 5 |
| דער חלום, י. ל. פרץ, | 3 |
| חסידישע מעשה'לעך, י. ל. פרץ, | 10 |
| דאָס טעפעל, שלום=עליכם, | 3 |
| יאַנקעל פעססימיסט, י. ל. פרץ, | 3 |
| יודישע עשירות, מ. ספעקטאָר, | 3 |
| יודישער נחת, מ. ספעקטאָר, | 3 |
| ירחמיאל'קע, | 3 |
| א כעס פון א יודענע, י. ל. פרץ, | 3 |
| ל"ג בעומר, שלום=עליכם, | 3 |
| ליטעראַרישע בריעף, ג. זעליקאָוויץ, | 5 |
| דער לץ, י. ל. פרץ, | 10 |
| מאַן און ווייב, מ. ספעקטאָר, | 3 |
| דער מאהלער, ד. עדעלשטאט, | 3 |
| מענדעל ברייגעס, י. ל. פרץ, | 3 |
| מעשה'לעך און חלומות, י. ל. פרץ, | 3 |
| מעשה'לעך פון דול=הויז, י. ל. פרץ, | 3 |
| משופע, י. ל. פרץ, | 3 |
| משוגענער בטל'ן, י. ל. פרץ, | 3 |
| משוגענער פילאָזאָף, א. גאָלדפאַדען, | 15 |
| די מוסרים, ב. גארין, | 3 |
| דער משולח, י. ל. פרץ, | 3 |
| ניט קיין גלייכע פּאָר, בן אביגדור, | 3 |
| נייער ראַבינער, ש. פרוג, | 3 |
| נעבאך, ב. גארין, | 3 |
| נעילה, י. ל פרץ, | 3 |
| די נשמה, י. ל. פרץ, | 3 |
| עגיפטען (דאָס לאַנד), י. דינעזאָהן, | 5 |
| ערקעלטונג און קאַטאַר, א. טאנענבוים, | 3 |
| אַנ'עצה, שלום=עליכם, | 3 |
| פּאָעזיע, י. ל. פרץ, | 15 |
| דאָס פינטעלע יוד, א. גאָלדפאַדען, | 5 |
| א פעקעל בריעף, י. ל. פרץ, | 5 |
| פערעלע, שלום=עליכם, | 3 |
| פרעה'ס יורשים, י. ל. פרץ, | 3 |
| פונ'ם פריזיוו, שלום=עליכם, | 3 |
| פישעל דער מלמד, שלום=עליכם, | 3 |
| א פערשטערטער שבת, י. ל. פרץ, | 3 |
| דער פעטער שכנא, י, ל, פרץ, | 3 |
| דער פעטער פיני מיט דער מוהמע רייזע, שלום עליכם, | 3 |
| פריינקעל'ס שריפטען, | 5 |
| צו וואָס טויג טהעאַטער, ב פייגענבוים, | 3 |
| צוויי קברים, ש ראַבינאָוויץ, | 3 |
| צוויי פעקלאך ווייך, מספעקטאָר, | [illegible] |
| צווישען ווייטע און נאהענטע, מ. ספעקטאָר | [illegible] |
| דער קאר קאָנדוקטאָר, ד עדעלשטאט, | 3 |
| קליינע מעשה'לעך, י ל פרץ | 10 |
| רומענישע אידען אין אמעריקא, הערמאלין, | 3 |
| רייזע בילדער, י ל פרץ, | 5 |
| דאָס שטריימעל י ל פרץ, | 3 |
| שלום=פיווישקע, מ ספעקטאָר, | 3 |
| שמשון שלמה מיט זיינע פערד, י. דינעזאָהן, | 3 |
| שמעריל'ס שמחה, מ ספעקטאָר, | 3 |
| שרה פעסי, מ ספעקטאָר, | 3 |
| שרה'לע, מ ספעקטאָר, | 3 |

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער ווי אויך ביי די פערלעגער:

## היברו פאבלישינג קאמפאני,

83־85־87 קאנאל סטריט,

ניו־יאָרק.